STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03026

HENAKH ARDEN

Alfred Tennyson Tennyson

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לארד אלפרעד טעניסאן:

הענאך ארדען

אידיש:
דר. א. אייסען

פארלאג
בידערמאן
182 צווייטע עוועניו
ניו יארק

Copyright by
DR. A. ASEN
1930



לאָרד אַלפרעד טעניסאָן

אלפרעד טעניסאָן

(1809 — 1892)

אלפרעד טעניסאָן רעפּרעזענטירט און שפּיגלט אָפּ מער ווי וועל־כער אנדערער דיכטער די ענגלישע ראַסע פון דעם נײַנצנטן יאָרהונ־דערט. קיין אנדערן דיכטער איז נים געלונגען צו איבערגעבן מיט אַזאַ געניאַלישיקער פּאָעטישער קראַפט די געדאַנקען און געפילן פון דעם יאָרהונדערט, אין וועלכן ער האָט געלעבט. טעניסאָן האָט עפּעס פאַר יעדן איינעם. ער לעזט זיך לײַכט. ער פאַרמאָגט צויבער. דערפאַר האָט ער געפונען אַ גרויסע צאָל לעזער און האָט באַאיינפלוסט אַלע קלאַסן מענטשן פון זיין צײַט.

אלפרעד טעניסאָן איז געבאָרן געוואָרן דעם 6טען אויגוסט 1809 אין דאָרף סאָמערסבי. ער איז געווען דער פאָטער פון צוועלף קינדער־אַכט אינגלאַך און פיר מיידלאַך. זיין פאָטער, דר. דזשאָרדזש קלייטאָן טעניסאָן, איז געווען אַ דאָרפס גלח, אַ הויכער מענטש מיט אַ געזונטן קערפּער און געזונטן פאַרשטאַנד. ער האָט פאַרמאָגט אַ פיינעם גראַד בילדונג, איז געווען אַ ליבהאָבער פון מוזיק און אַרכיטעקטור, האָט אָפט געשריבן פּאָעזיע, איז געווען אַן עסקן אין קהלשע ענינים, מיט אַ ברייט וואַרעם האַרץ און אַ סימפּאַטישער נשמה. אלפרעדס מוטער איז אויך געווען אַ טאָכטער פון אַ גלח, אַן איידעלע, ליבלאַכע און פריי־לאַכע נאַטור; שטאַרק אין קערפּער, אָבער אויך צאַרט אין געפיל, מיט אַ לעבעדיקע פאַנטאַזיע און פול מיט גלויבן.

דער אינגל טעניסאָן האָט זיך אויסגעהאָדעוועט אין דעם דאָרף אויף דער פרייער נאַטור, און טיילווייז ביים ים; שטענדיק אין אַן אַטמאָספערע, וואָס האָט געהייצט זיין פאַנטאַזיע און איז געווען גינס־

טיק פאנאנדערצוואוויקלען זיינע געדאנקען און געפילן. ווען ער איז אלט געווען אכט יאר האט ער שוין געמאכט א פארזוך צו שרייבן פערזן; צו צוועלף האט ער נאכגעמאכט סקאטן און נאכהער בייראנען.

אין 1828 איז אלפרעד מיט זיין ברודער טשארלס אריין אין טרי־ניטי קאלעדזש, קעמברידזש, און באלד זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פארשטאנד, כאראקטער און פיינער פערזענליכקייט. אין 1830 האט ער ארויסגעגעבן זיין ערשט בוך לירישע געזאנגען, וועלכע מ'האט אויפגענומען מיט גרויס באגייסטערונג, און צוויי יאר שפעטער איז דערשינען זיין צווייט בוך לידער.

אין 1833 האט אלפרעד טעניסאן, דורך דעם פלוצלונגדיקן טויט פון זיין טייערסטן פריינט און חבר, ארטהור האללם, געליטן א מורא־דיקן קלאפ. זיין טיפן פערזענליכן ווייטיק, זיין דאמאלסטיקע אנטוי־שונג איבער טויט און לעבן און פילע אנדערע אייביקע פראגן פון אונ־זער עקזיסטענץ האט ער אויסגעדריקט אין זיין אומשטערבלאכן ווערק „אין מעמאריאם". אויף דער דאזיקער גרויסער קלאסישער טלעגיע האט טעניסאן געארבעט 16 יאר צייט. ער אליין האט זיך געהאט אויס־געדריקט, אז מיט דעם ווערק האט ער געמיינט צו שאפן א סארט „קאמעדיע דיווינא", ענדיגנדיק דאס ווערק מיט גליק. די צענט־אלע אידייע, דער לייט־מאטיוו פון דער פאעמע איז, אז „ס'איז בעסער צו האבן געליבט און פארלארן, איידער גארניט האבן געליבט".

נאכדעם האט ער פאר צען יאר צייט גארניט געדרוקט, אבער ער האט פלייסיק געשטודירט און געשטרעבט צו ווערן א פולקאמענער ארטיסט, ווייל ער האט געפילט, אז ער איז א געבוירענער פאעט. צענדליקע פון זיינע פריערדיקע ווערק האט ער איצט איבערגעקוקט, געענדערט און איבערגעארבעט, און איז ענדליך געווארן פאפולער און ווייט אנערקענט פון די גרויסע קריטיקער און דיכטער פון אייראפע און אמעריקע.

אין 1850 האט טעניסאן געהייראט אן אײדעלע און שײנע פרוי, װעלכע איז אויך געװארן זײן ראטגעבערן און איבערגעגעבענע חברטע אין לעבן. ער האט געשאפן און געדרוקט קלענערע און גרעסערע פון זײנע דיכטונגען, װעלכע האבן אים אװעקגעשטעלט אין דער רײ פון די װעלט־בארימטע פאעטן.

טעניסאן איז געװארן 45 יאר אלט. ער האט נאך אלץ געהאט פאר זיך א פערציק יאר פון ציײטיקן, רײכן און פארשידנארטיקן שאפן. אין 1859 איז דערשינען א טײל פון זײן װיכטיקסטער עפּיק, „אײדלס און דהי קינג", און פילע, פילע אנדערע דיכטונגען. אין 1864 האט ער אפגעדרוקט זײן װאונדערשײנע אידיליע „הענאך ארדען". װעלכע איך גיב דא איבער אין א אידישער איבערזעצונג. עס איז ניט אויסגעבליבן קײן אײן אײראפעאישע שפראך, װאס האט ניט איבערזעצט דיזאזיקע אידיליע און דערמיט פארגרעסערט און פארשענערט איר אײגענעם ליטערארישן אוצר. אין מאנכע ציװיליזירטע לענדער האט מען „הענאך ארדען" אויך אויפגעפירט אויף דער בינע און מיליאנען מענטשן האבן זיך געקװיקט מיט דער ברילאנטענער אידיליע אויפן קינאמאטאגראף. די געשיכטע פון „הענאך ארדען" איז טיף טראגיש; עס איז די סאמע עכטקײט פון זעלבסט־אפערונג. „הענאך ארדען" איז אן אמתע אידיליע, אן אײנפאכע מעשה פון די פרײדן און לײדן פון פשוטן לעבן פון א גוטהארציקן מאטראז, שילדערנדיק אויך די שײנקײט פון נאטור. קײן פײנערע דערצײלונג פון אמתער ליבע איז ניטא אין דער גאנצער ענגלישער ליטעראטור. עס איז פיליכט מער פּאפּולער װי װעלכע עס איז אנדערע טעניסאנס פּאעמע פון זעלבער גרױס. דער סטיל, דער טאן, די אטמאספערע, דאס מענטשלאכע געפיל — דאס אלץ מישט זיך צוזאמען אין א הארמאנישער גאנצקײט.

אלפרעד טעניסאן איז געװען שטארק פּראדוקטיװ, װען ער איז שױן געװען אפילו אין זײנע מיטעלע יארן; ער האט געשאפן פיל אן דעם

קלענסטן סימן פון מידקייט. אלץ, וואס ער האט געדיכטעט, איז ארויס פון זיין פעדער רייך און שיין. ניט דא איז דער פלאץ אנצורופן די הונדערטע און הונדערטע דיכטונגען זיינע ביי זייערע נעמען און אויך איבערגעבן זייער אינהאלט, אבער עס אי זזיכער, אז אלפרעד טעניסאן איז געווען דער איינציקער דיכטער, וועלכער האט מיט זיין רייכער נאטור ארומגענומען אלע פאזן פון לעבן, ווי עס האט זיך אפגעשפיגלט אין ענגלאנד אין פארלויף פון דעם ניינצנטן יארהונדערט. קיין אנ־דערער האט עס מיט אזא פארנעם, מיט אזא פאעטישן שוואונג און שיינקייט פון שפראך, ניט באוויזן.

ארום סוף אויגוסט 1892 האט דער פילבאליבטער דיכטער אנגע־פאנגען פילן די סימפטאמען פון ביטערן ווייטיק, וואס האט פאראויס־געזאגט זיין שווערע קראנקייט. אין גייסט איז ער אבער געבליבן שטארק און מעכטיק. ביים טיש האט ער זיך געהאלטן פריי, פריינט־לאך, פול מיט הומאר און קלארן פארשטאנד. ער האט פלייסיק געלעזן די קארעקטורן פון זיין לעצטן באנד און געפלאנט נייע פאעמעס.

בלויז פינף־זעקס וואכן שפעטער, דעם 6טן אקטאבער, 1892, צווישן איינס און צוויי אזייגער ביינאכט, איז אלפרעד טעניסאן גע־שטארבן. זיין קערפער האט מען באהאלטן דעם 12טן אקטאבער אין וועסטמינסטער עבי, אין שכנות מיט ראבערט בראונינג און לעבן דעם מאנומענט פון טשאוסער. דער גרויסער עולם מיט אבלים, וואס האט זיך פארזאמלט ביי זיין לוויה — סטודענטן, שטאטסלייט, נאבללייט, אפיצירן, סאלדאטן און מענטשן פון אלע שיכטן פון דער געזעלשאפט — האט דערציילט, ווי ברייט און טיף טעניסאן האט גערירט די הער־צער פון אלע מענטשן און אומשטענדן מיט זיין פאעזיע, וואס איז געווען דער אויסדרוק פון זיין שיינעם, לאנגן לעבן.

א. א.

הענאָך אַרדען

צוויי לאַנגע שורות פעלזן, און אַ שפּאַלט געלאָזט אין מיטן,
און אין דעם שפּאַלט געפינט זיך שוים און געלער זאַמד —
אַרויף־צו, אין אַן איינגן האַפן, רייען רויטע דעכער;
דאַן קומט אַן אַלטער קלויסטער; און אַ ביסל העכער
אַ לאַנגע גאַס, וואָס קריכט אַרויף צו דער הויך־געטורעמטער מיל:
פון הינטער דעם שטייגט צו דעם הימל־צו אַ באַרג
מיט דענישע קברים־בערגלאַך; און אַ האַזל־נוסבוים וואַלד,
אין האַרבסט באַזוכט פון ניסלאַך־זוכער, גרינט
אין רונד־געבויגענעם טיפן טאָל פון באַרג.

ביים דאַזיקן ברעג ים, אַ הונדערט יאָר צוריק,
האָבן געלעבט דריי קינדער פון דריי הייזער:
דאָס שענסטע מיידעלע אין האַפן — אַננאַ לי,
און פיליפּ ריי, דעם מילנערס איינציקער זון,
און הענאָך אַרדען, אַ ניט־דערצויגענער מאַטראָזס אַ זון,
פאַריתומט דורך אַ שיפּברוך איינמאָל אין אַ ווינטער —

זיי האָבן זיך געשפּילט אין מיטן פון ברודיקן געהילץ פון ברעג.
מיט קנוילן־שטריק, מיט שוואַרצע פישער־נעצן,
מיט אַנקערס, דיק פאַרזשאַווערט, און אַראָפּגעצויגענע שיפלאַך;
און האָבן פון דעם נאָסן זאַמד זיך שלעסער אויסגעבויט.
געקוקט ווי ס׳האָט דאָס וואַסער באַלד פאַרשוויינקט.
צי זיי אַליין פאַרפאָלגט מיט פליענדיקע ווייסע כוואַליעס.
וואָס טעגלאַך האָבן פאַרווישט די קליינע שפּורן פון די פיס
געלאָזן טעגלאַך אויף דעם ברעג.

און צווישן אַט די פעלזן איז אַ שמאָלע הייל געלאָפן —
דאָס האָט געדינט אַלס הויז אין זייער קינדער־שפּיל;
אַ טאָג איז הענאַך באַלעבאָס געווען, דעם צווייטן — פיליפּ,
דאָך עני — שטענדיק באַלעבאָסטע; נאָר פון צייט צו צייט
פלעגט הענאַך זיין אַ גאַנצע וואָך דער באַלעבאָס:
„ס׳איז מיין הויז איצט. און מיין באַלעבאָסטעטשקע״.
—„אויך מיינע״—האָט אַרויסגעשריען פיליפּ—„ס׳גייט אין ריי״.
און ווען דער קרעפטיגער הענאָך איז אין שטרייט אַרויס
דער זיגער
פלעגט דאַן פון פיליפּס בלויע אויגן
אַ טרערן־שטראָם פון הילפלאָזן צאָרן אויסברעכן,
און פלעגט אַרויס הויך אויפן קול: „איך האָס דיך, הענאָך!״
און דאַן האָט אויך די קליינע ענילע

אים מיטגעהאָלפֿן וויינען און געבעטן זיי
פֿון אירעט וועגן ניט צו פֿירן קריג,
ווייל זי וועט וועלן זיין אַ ווייבעלע צו ביידן.
דאָך ווען עס איז פֿאַרביי דער מאָרגן פֿון די בליענדיקע
קינדער־יאָרן,
און ס'האָט די פֿרישע וואַרעמקייט פֿון לעבנס שטייגנדיקער זון
אַדורכגענומען ביידן, דאַן האָט יעדערער זיין האַרץ
געשיינקט דערזעלבער מיידל: הענאָך האָט אַרויסגערעדט
זיין ליבע,
דאָך פֿיליפּ האָט אַ שווייגנדיקער איר געליבט. דאָס מיידל
האָט אויסגעזען פֿיל פֿריינטליכער צו פֿיליפּן ווי צו אים;
דאָך האָט זי הענאָכן געליבט, כאָטש זי האָט ניט געוואוסט,
און וואָלט מען איר געפֿרעגט, דאַן וואָלט זי עס געלייקנט.
און הענאָך האָט זיך אימער פֿעסטער אַלס זיין ציל געשטעלט
צו קאַרגן, זאַמלען געלט וואָס מער,
בכדי צו קענען קויפֿן זיך אַן אייגן שיף,
און בויען אויך אַן אייגענע היים פֿאַר ענני'לען.
און ענדליך איז ער שוין אַזוי געקומען ווייט,
אַז ס'איז פֿאַר מיילן ווייט אויפֿן דאָזיקן ים־ברעג
קיין גליקלאַכערער און מוטיקערער פֿישער.
און מער אַן אָפּגעהיטער אין געפֿאַר ווי הענאָך ניט געווען.

און אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך אויף אַ האַנדלס־שיף געדינט
אַ יאָר. און באַלד געוואָרן פּולשטענדיקער מאַטראָז.
און האָט שוין דריי מאָל לעבנס אויך
געראַטעוועט פון בייזע כוואַליעס אויף די ימען.
און יעדער איז געווען גוט צו אים,
און איידער נאָך ער האָט דערגרייכט זיין
איינאונצוואַנציקסטן מאַי,
האָט ער געהאַט זיין אייגענע שיף שוין איינגעקויפט.
זיין אייגענע אנגענעמע חיים געבויט פאַר ענגילען,
האַלב־זועגס אַרויף דער איינגער גאַס. וואָס ציט זיך צו דער מיל.

דאָן אין אַ גאָלדענעם האַרבסט־אונטט
האָט ס׳גאַנצע יונגוואַרג זיך געמאַכט אַ יום טוב,
און ס׳איז אוועק מיט זאַק און פאַק און קאַרב,
פון קליין ביז גרויס, צו זוכן ניס. בלויז פיליפ
(זיין פאָטער איז געלעגן קראַנק און אים געדאַרפט ביים בעט)
האָט זיך פאַרשפּעטיקט מיט אַ גאַנצער שטונדע צייט.
נאָר ווען ער האָט דעם באַרג אַרויפגעקלעטערט
פונקט וואו עס הייבט זיך אָן דער אויסגעבויגענער ברעג פון וואַלד
זיך בויגן צו דעם חלל פונם היפּל,
האָט ער דאָס פּאָרל באַלד דערזען, הענאָכן און ענניין.

זיי זיצן תאנט אין האנט, און הענאכט גרויסע גרויע אויגן
און זיין געברוינט געזיכט אינגאנצן אנגעצונדן
מיט א שטילן הייליקן פלאם, וואס ברענט אויף א מזבח.
און קוקנדיק אין ביידנס אויגן און געזיכטער
דאס פיליפ קלאר געלעזן דארט זיין אורטייל.
און ווען זיי האבן צוגעלייגט זיך באק צו באק
האט פיליפ טיף א זיפץ געטאן און אפגערוקט זיך אין א זייט,
און ווי צום טויט פארוואונדעט איז ער טיף אין וואלד פארקראכן;
און דארט, ווען אלע אנדערע האבן הויך געשטיפט,
האט ער גאנץ אומבאמערקטערהייט פארבראכט זיין
שווארצע שעה,
נאכדעם זיך אויפגעהויבן און אוועק, אין הארצן טראגנדיק
א לעבנסלאנגע בענקעניש מיט זיך.

זיי האבן חתונה געהאט, די גלעקער האבן צוגעקלונגען פריילאך,
און פריילאך זיינען אויך אוועק די יארן, זיבן יאר מיט פרייד,
א זיבן יאר מיט גליק, געזונט, צופרידנקייט,
מיט ליבע און מיט קעגנליבע און מיט ערלאכע פארדינסטן,
אויך קינדערלאך: צוערשט א טאכטער. ס'האט אין אים דערוואכט
מיטן ערשטן געשריי פון ערשטן קינד, דער איידעלער פארלאנג
צו שפארן וויפל געלט עס וועט אים זיין נאר מעגלאך
כדי דעם קינד צו קענען געבן פיל א בעסערע דערציאונג

ווי ער און עני האבן ווען געקראגן;
דער וואונטש האט זיך באניט, ווען צוויי יאר שפעטער
האט זי געבארן אויך א זון, דער ראזיקער אפגאט פון איר
איינזאמקייט.
ווען הענאך איז געווען אויף ווילדע ימען, אדער אפט אויף לאנד;
ווייל ווי דער אמת איז געווען, זיינען הענאכס ווייסער פערד,
און הענאכס ים-געפאנג אין קארב, וואס שמעקט מיט ים,
זיין פנים רוי פארוויטיקט מיט א טויזנט ווינטער-שטורעמס,
:יט נאר אין מארק געווען באקאנט,
נאר אויך דארט אונטער יענע בערגלאך פון די גרינע לאנקעס
גאנץ ווייט אוועק, אוואו דער אויסגעטאקטער לייב באוואכט
דעם טויער.
און וואו דער פאוע-עבען-בוים גרינט ביי דעם שטילן שלאס,
איז הענאכס הוצאות פאר פריטיק מילד געווען באזארגט.

עס איז ניט לאנג אזוי געבליבן, ווי עס בלייבט ניט קיין זאך,
וואס איז מענטשלאך;
צען מייל פון מערב זייט אוועק פון איינגן האפן
האט זיך געעפנט גאר א גרויסער האפן; און הענאך פלעגט
דורך לאנד און וואסער אפט באזוכן יענעם פלאץ;
און איינמאל האט פאסירט, ווען ער איז דארט געווען אין האפן
און האט ארויפגעקלעטערט אויף דעם מאסט פון שיף,

האָט ער זיך, לײדער, אויסגעגליטשט און איז געפאַלן:
און ווען מען האָט אים אויפגעהויבן איז אַ גליד געווען צעבראָכן;
און דורך דער צײַט, וואָס ער איז דאָרט געלעגן און געבעסערט זיך,
האָט אים זײַן ווײַב געבאָרן נאָך אַ קינד, אַ קראַנקלאַכס.
און אַנדערער האָט אים דערווײַל פון שיף די שטעלע צוגענומען —
זײַן ברויט פאַר ווײַב און קינד; און ס'איז באַפאַלן אים,
דעם שטרײַנגן און גאָטס-פאַרכטיקן, איצט ליגנדיק
אַזוי אַ מוטלאָזער, דער צווײפל און דער טריבער אומעט.
עס האָט זיך אים געדוכט, ווי אין אַ בײזן חלום אין דער נאַכט,
ער זעט די קלײנע קינדער זײַנע לעבן אין גרויס אָרימקײט
און דחקות,
פון האַנט צו מויל, און זי, זײַן ליבע פרוי — אַ בעטלערן.
„באַהיט זײ, גאָט, דערפון, מיט מיר זאָל זײַן וואָס וויל זיך" —
האָט ער צו גאָט געבעטן — — — — אין דערזעלבער צײַט
האָט הענאָכס פריערדיקער באַלעבאָס דערהערט פון אומגליק
און צו אים געקומען
— ווײַל ער האָט הענאָכן געקאַנט און אויך געשעצט —
ער האָט דערצײלט אים פון זײַן שיף, וואָס גײט נאָך כינע אָפּ,
און ס'פעלט איבער אויס נאָך אײן מאַטראָז, און אויב ער וויל
די שטעלע,
עס זײַנען נאָך געבליבן פילע וואָכן צו איר אָפּגײן
פון דעם האַפן — צי הענאָך האָט געוואָלט די שטעלע?

געווים האט הענאך גלייך זיך אנגעכאפט אן דעם
מיט פרייד, וואס גאט האט צעגעהערט זיין תפילה.

דעם אומגליקס שאטען האט זיך איצט פאר אים באוויזן
אט פונקט, ווי ווען א קליינער וואלקן
שניידט אפ דעם פייערדיקן וועג אין הימל פון דער זון
און אינדזלט ליכט אין אפענעם ים;
דאך עני — ווען ער וועט זיין אוועק? — האט ער געטראכט —
און וואס וועט ווערן פון די קינדער?
און הענאך האט גאנץ לאנג געוואויגן זיינע פלענער:
די שיף פארקויפן — אך, ער האט דאך איר אזוי געליבט —
ער האט דאך פילע ברויזנדיקע ימען מיט דער שיף באריזן;
ער האט דאך איר געקאנט, אט ווי דער רייטער קאן זיין פערד —
און דאך, ער מוז עס טאן — און מיט דעם געלט
פאר ענגילען איינקויפן צום האנדלען עטוואס סחורה,
פון אלץ, וואס פישערלייט און זייערע ווייבער דארפן.
מיט דעם וועט עני קענען זיך דערנערן, ווען ער וועט זיין אוועק.
וועט ער אליין נים קענען צוהאנדלען דארט אין דער פרעמד?
ער וועט די רייזע מאכן מער ווי איין מאל בלויז.
געווים, א צוויי צי דריי מאל — אפט ווי נויטיק נאר —
און ענדלאך קומען צוריק אהיים א רייכער מאן
און באלעבאס פון פיל א גרעסערער שיף.

און לעבן לייבעער מיט א גרעסערער חכנסה,
דערציען זיינע שיינע קינדער פיין
און צווישן זיינע אייגענע לעבן זיך בשלום.

אזוי האָט העניאָך אין זיין הארץ באַשלאָסן.
און ווען ער איז אהיים געקומען האָט ער געפונען ענגין בלייך,
זי האָט דאָס קראַנקע, לעצט-געבאָרענע קינד געזויגן.
זי איז אַנטקעגן אים געקומען וויינענדיק פון פרייד,
און באַלד אוועקגעלייגט דאָס שוואַכע קינד אין זיינע אָרעמס;
ער האָט עס צוגענומען, און באַטאַפּט די גלידער זיינע,
איך אָפּגעשאַצט דעם קינדס געוויכט, און פּאַטערלאַך
געצערטלט עס,
ער האָט דאָך אָבער ניט געוואַגט זיין פּלאַן אַנטדעקן ענגין
ביז מאָרגן אינדערפרי — ערשט דאַן האָט ער דערציילט.

דעם ערשטן מאָל, זייט ענגי איז געווען פאַרהייראַט,
האָט ענגי קעגן העניאָכס וואונטש געקעמפּט.
חלילה ניט מיט קריגערישן ריידן אים אַנטקעגן,
נאָר מיט פאַרשיידענע בקשות און מיט טרערן,
און שמערצן-קושן, טאָג און נאַכט באַנייט.
(זי איז געווען גאַנץ זיכער, אַז ס׳וועט קומען צרות בלויז
פון דעם)

איז צו אים צוגעשטאַנען און געשוואָרן ביי זיין ליבע
צו איר און צו די קינדער, אַז ער זאָל ניט גיין.
נאָר ער, ניט זאָרגנדיק פאַר זיך, נאָר בלויז פאַר איר,
פאַר איר און אירע קינדער — האָט ער זיין ענגין ניט געפאָלגט.
דערפאַר איז ער מיט טיפן ווייטיק אויף זיין אייגענעם וואונטש
באַשטאַנען.

און העגאָך האָט געשיידט זיך פון זיין אַלטן ים־פריינט,
און סחורה איינגעקויפט פאַר ענגין, און אַ נעם געטאָן זיך
דאָס קליינע פאָדער־צימער אויסצושטאָטן
מיט פּאָליצקעס און טישלאַך פאַר דער סחורה.
דעם גאַנצן טאָג ביז צו דער לעצטער ווייל
האָט זיך אין שטוב געטומלט פון דעם האַמער און דער האַק,
פון בויער און פון זעג; און ענגין האָט זיך אויסגעדוכט, זי זעט:
מען שטעלט אַן עשאַפאָט צונויף פאַר איר;
ביז ס'איז געוואָרן פאַרטיק, און זיין געראַטענע האַנט
האָט אַלץ אין איינגן צימער איינגעאָרדנט,
גאַנץ נעט און פּינקטלאַך, ווי עס טוט נאַטור אַליין כמעט, ווען זי
פּאַקט איין די קנאָספּן, צי די יונגע זוימען — זיך אָפּגערוט,
און ער, וואָס וואָלט געאַרבעט אָן אַ סוף פאַר ענגיס וועגן,
איז דאַן אַרויף די שטיגן מיד, און שווער געשלאָפן ביז אין מאָרגן.

און הענאך האָט דעם אַפּשייד־מאָרגן בראַוו און מוטיק אָנגעקוקט.
ער'ט אָנגענומען עננים אַנגסט און שרעק מיט שפּאַס,
עס האָט אים נאָר געוויטיקט, וואָס גראַד ענני האָט די שרעק.
דאָך הענאָך, אַלס אַ בראַוער און גאָטספאַרכטיקער מענטש,
זיך בויגנדיק עניוותדיק, פאַרזונקען אין פאַרגעסנקייט,
וואו גאָט מיט מענטש און מענטש מיט גאָט איז איינס,
געבעטן האָט אַ ברכה פאַר זיין ווייב און קינדער,
מיט אים אַליין מעג זיין זיך וואָס עס וויל.
און דאַן האָט ער גערעדט: „ מיין ליבע ענני,
די רייזע וועט מיט גאָטעס הילף אונדז אַלע ברענגען נאָך
פיל זונען־העלע טעג. האַלט גרייט פאַר מיר אַ ליכטיק פייער
אויפן ריינעם אויוון, ווייל נאָך איידער וועסט אַ טראַכט טאָן
בין איך שוין דאָ צוריק, מיין טייערע" — — — און דאַן,
אַ שאָקל טוענדיק גאַנץ לייכט דאָס ווינגעלע פון קינד:
„און ער, דאָס ליבע, צאַרטע, שוואַכע אינגעלע, —
אַ, ניין, — איך ליב אים שטאַרקער נאָך דערפאַר —
מעג גאָט אים בענטשן, איך וועל אים אויף מיינע קני נאָך זעצן,
און וועל אים מעשהלאַך דערציילן פון ווייטע, ווייטע לענדער,
ער זאָל זיך פרייען, ווען איך וועל בשלום קומען צוריק אהיים.
גיי, קום, מיין ענני, קום, זיי פריילאַך פאַר מיין פאָרן!"
אַזוי האָט זי זיך צוגעהערט אים ריידן פול מיט האָפענונג,
און אָנגעפאַנגען פעסט אַליין אין דעם צו גלויבן; דאָך ווען

ער האָט זיך אומגעקערט צו ערנסטערע זאַכן,
אויף דעם מאַטראַזן שטייגער רוי צו פריידיקן
פון דער השגחה און פון גאַטפאַרטרויאונג. האָט זי אים געהערט,
געהערט און דאָך אים ניט געהערט; אַט ווי אַ דאָרפסמיידל,
וואָס שמעלט איר קרוג ביים ברונעם אונטער
און טרוימט פון דעם, וואָס פלעגט איר העלפן אָנגיסן דאָס וואַסער,
זי הערט און הערט ניט און דאָס וואַסער לויפט אַריבער.

צולעצט האָט זי גערעדט: „הענאָך, ביזט אַ קלוגער,
און דאָך, אַ חוץ דיין גאַנצער קלוגשאַפט ווייס איך וואויל,
איך וועל שוין קיינמאָל מער דיין פּנים זען".
„נו, גוט — האָט ער געזאָגט — וועל איך מסתמא דיין געזיכט
דערזען, עני,

מיין שיף גייט דאָ פאַרביי
(ער האָט אַרויסגערעדט דעם טאָג) דו קריג נאָר אַ שפּאַקטיוו
און זוך מיך אויף מיט דיינע אויגן, און לאָך זיך אויס פון
גאַנצן אַנגסט".
נאָר ווען דער לעצטער פון די זיי־געזונט־מאָמענטן איז געקומען:
„זיי פריילאַך, עני הארציקע, און לאָז זיך טרייסטן,
דו פּאַס נאָר אויף אויף אונדזערע קינדער, און באַזאָרג אַלץ ריכטיק
ביז איך וועל קומען צוריק. איך מוז דאָך פאָרן יעדנפאַלס.
און זאָרג זיך מער ניט וועגן מיר; נאָר אויב דו קענסט ניט העלפן,

פֿאַרלאָז זיך דאָן אויף גאָט, דער גאָט, וואָס היט די שיף.
איז ער דען ניט פֿאַראַן אין יענער ווייטסטער מזרח געגנט?
און לויף איך ווייט אַוועק אַהין, קאָן איך פֿון גאָט אַנטלויפֿן?
דער ים איז זיינער, יאָ, דער ים איז זיינער,
ווייל ער אַליין האָט אים באַשאַפֿן".

און הענאָך האָט זיך אויפֿגעשטעלט, אַרומגענומען מיט די שטאַרקע הענט
זיין נידערגעשלאָגענע פֿרוי, און אויסגעקושט די ליבע קינדער,
וואָס האָבן אָנגעקוקט אים שטאַרק פֿאַרוואונדערט;
אַחוץ דאָס דריטע קינד, דאָס קריינקלאַכע,
וואָס איז ערשט איינגעשלאָפֿן נאָך אַ נאַכט פֿון פֿיבער,
און עני האָט געדיינקט עס אויפֿצוואַוועקן איצט,
נאָר הענאָך האָט איר ניט געלאָזט, און אָפּגערופֿן זיך:
„אָ, וועק אים ניט, אָ, לאָז אים שלאָפֿן,
ווי וועט דאָס קינד גאָר קענען דאָס געדיינקען?" —
ער האָט אים אָנגעקושט אין וויגל ליגנדיק,
נאָר עני האָט אַ צאַרטן לאָקעלע פֿון שטערנדל פֿון קינד
לייכט אָפּגעשאָרן און עס מיטגעגעבן הענאָכן
(ער האָט עס אָפּגעהיט די אַלע יאָרן זיינע):
און ער האָט האַסטיק באַלד אַ נעם געטאָן זיין קלומעק,
אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט און זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין.

און ווען ס׳איז אָנגעקומען יענער טאָג, ווען הענאָכס שיף איז
דורכגעגאַנגען,
האָט ענני זיך באַזאָרגט מיט אַ שפּאַקטיוו: דאָך גאַנץ אומזיסט!
פיליכט האָט זי דאָס גלאָז צו אירע אויגן ניט געקאָנט
דאַן צופּאַסן,
פיליכט איז טונקל איר דאָס אויג געווען, צי ס׳זיינען אירע הענט
געווען נערוועז;
— זי האָט אים ניט געזען; דערווייל איז ער געשטאַנען אויף
דעם דעק,
צו איר אומזיסט געוואונקען, און ס׳איז די צייט און שיף אוועק.
זי האָט די שיף געהיט ביז ס׳האָט די שיף זיך אָפּגעטונקט אין ים
ביים האָריזאָנט
און איז פאַרשוואונדן. ווייגענדיק נאָך אים איז ענני דאַן אוועק,
און כאָטש זי׳ט אים באַקלאָגט, אָט ווי זי וואָלט באַקלאָגט אַ מת,
דאָך האָט זי אָפּגעהיט, אַז אירע טרויעריקע פאַרלאַנגען זאָלן
מיט זיינע שטענדיק שטימען; עס האָט איר אָבער אין איר האַנדל
ניט אָפּגעגליקט, ניט זייענדיק דערצויגן צו דעם קויפן און
פאַרקויפן,
און גוט צו מאַכן אַ פאַרלוסט דורך כיטרעקייט,
צו זאָגן ליגן, אָדער בעטן פיל און נעמען ווייניקער,
ביי זיך אין האַרצן טראַכטנדיק: „און וואָס וואָלט הענאָך
זאָגן דאַן?“

גאַנץ אָפּט אין שווערע טעג און ביטערע
פלעגט זי די סחורה אויספאַרקויפן פאַר פיל ווייניקער
ווי ס׳האָט די סחורה איר אַליין אויפן מאַרק געקאָסט.
עס האָט איר ניט געגליקט; און זי האָט עס אַ טרויעריקע
פאַרשטאַנען
און וואַרטנדיק אַזוי מיט גרוים געדולד אויף יענע גוטע נייס,
וואָס זי האָט קיינמאָל ניט דערהאַלטן, האָט זי זיך צוגעוואוינט
דערווייל די טעג אין דחקות און אין עלנט אָפּצוקומען,
און צו אַ לעבן דורכגענומען מיט אַ שטומען טרויער.

נו, איז דאָס דריטע קינד געווען אַ שוואַכס נאָך פון געבורט
און שוואַכער אַלץ געוואָרן, כאָטש די מוטער האָט עס צוגעזען,
ווי נאָר אַ מוטער קאָן; און דאָך, צי ווייל דערפאַר,
וואָס ס׳האָט דער האַנדל איר אָוועקגערויבט גאַנץ אָפּט פון קינד,
און אפשר אויך צוליב דעם מאַנגל אין אַ ריכטיקער דיעטע,
צי זאָל עס זיין דערפאַר, וואָס זי האָט ניט פאַרמאָגט איצט צו
באַצאָלן
אַ דאָקטאָר פאַר אַן עצה—ס׳איז ניט קיין אונטערשייד שוין מער.
ווייל, ליידער, נאָך אַ קורצער צייט, נאָך איידער ענגי האָט זיך
אומגעקוקט —
פונקט ווי אַ קליין געפאַנגען פייגעלע, וואָס האָט זיך פלוצלונג
פלינק באַפרייט,
אַזוי האָט זיך דעם קינדס נשמהלע פון קערפּערל געשיידט.

און אין דערזועלבער וואָך, וואָס ענני האָט דאָס קינד באַערדיקט,
האָט פּיליפּס טרייע האַרץ, וואָס האָט געדורשט נאָך ענגיס גליק,
אַ שלאָג געטאָן, וואָס ענני האַלט זיך פונדערווייטן;
(זייט הענאָך איז געווען אַוועק האָט ער אינגאַנצן ענגין
ניט געזען)
„געוויס"—האָט פּיליפּ זיך געטראַכט—„איך מוז איר איצט
באַזוכן,
כאָטש ברענגען איר אַ שוואַכע טרייסט". ער איז אַהין אַוועק,
אַדורכגעשפּרייזט דעם איינזאַמען פּאָדערצימער,
אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט זיך ביי דער צווייטער טיר.
דריי מאָל אַ קלאַפּ געטאָן, און ווען ס׳האָט קיינער ניט געענטפערט
איז ער אַריין. נאָר ענני, זיצנדיק אין טיפן טרויער,
האָט ניט געוואָלט קיין מענטשן אין דעם פּנים קוקן.
זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט און האָט געוויינט.
דאַן האָט זיך פּיליפּ אויפגעשטעלט און שטאַמלענדיק געזאָגט:
„איך בין געקומען, ענני, היינט אַ טובה בעטן דיך".
אין שלוכצן פון איר טיפן וויי־טיק האָט אַרויסגערעדט אַן ענטפער:
"אַ טובה פון אַ טרויעריגער און אַ גאָטס פאַרלאָזענער פרוי?„
— דאָס האָט אים האַלב פאַרשעמט, דאָך ניט געביטן,
זיין שעמעוודיקייט און זיין מיטלייד שטרייטנדיק אין אים,
האָט ער זיך ביי איר זייט אַוועקגעזעצט און האָט געזאָגט:
„איך בין צו דיר געקומען רעדן בלויז פון דעם, וואָס הענאָך,

דיין מאַן, האָט זעלבסט פאַרלאַנגט; כ׳האָב שטענדיק עס געזאָגט:
דו קלייב זיך אויס דעם בעסטן צווישן אונדז — אַ שטאַרקן מאַן;
ווייל וואו ער האָט זיין האַרץ געווענט, דאָרט האָט ער אויך
זיין האַנט געלייגט
צו טאָן אַ זאַך, וואָס ער האָט נאָר פאַרלאַנגט, און האָט עס
דורכגעפירט.
פאַרוואָס איז ער דען איצט אַוועק אין יענעם שווערן וועג
און דיך געלאָזט אַליין און איינזאָם? ניט צוליב דער לוסט
די וועלט צו זען! — אָ, ניין, ער איז אַוועק כדי
צו קאָנען זיינע קינדער געבן אַ פיל בעסערע דערציאונג
ווי הענאָך אָדער דו האָסט ווען געקראָגן; דאָס איז
זיין איינציקער פאַרלאַנג געווען.
און אויב ער קומט ווען צוריק אַהיים, ווי וועט עס אים
דאָן קרייגקען
צו אויסגעפינען, אַז ער האָט די אַלע ליבע מאָרגן שטונדן זיך
אומזיסט געמיט, עס וואָלט געקרייגקט אים אויך אין קבר
וואָס זיינע קינדער זיינען ווי די ווילדע קעלבער אויסגעוואַקסן.
איך וויל דערפאַר דיר עפּעס זאָגן, עני, — ווייסט, מיר קאָנען
זיך אַ לעבן לאַנג —
איך בעט דיך ביי דיין ליבע צו די קינדער און צו הענאָכן
מיר ניט צו זאָגן ניין — ווייל אויב דו ווילסט,
זאָל הענאָך שפּעטער מיר מיין מי באַגיטיקן —

אויב דו פארלאנגסט עס, ענני — ווייל כ׳בין רייך און
קאן עס טאן.
דו לאז מיך ביידע קינדער שיקן איצט אין שול;
דאס איז מיין וואונטש, נאך וואס איך בין געקומען„.
און ענני, אירע אויגן צו דער וואנט געריכט,
האט אים געענטפערט: "א, איך שעם זיך דיר מיין פנים ווייזן;
איך זע אזוי איצט נאריש אוים און טיף געבראכן.
ווען דו ביזט אין מיין שטוב אריין האט מיך מיין צער געבויגן,
און איצטער בויגט דיין גוטסקייט מיך.
מיין הענאך לעבט דאך, כ׳פיל עס טיף ביי מיר אין הארצן,
ער וועט באצאלן, געלט קען מען באצאלן;
נאר ניט א טובה גראד ווי דיינע".

— — — און פיליפ האט געפרעגט:
„נו, דארף איך, הייסט עס, טאן? — — —

— — — זי האט זיך אומגעדרייט,
זיך אויפגעהויבן און אים אנגעקוקט מיט פייכטע אויגן,
זיך אפגעשטעלט א ווייל אויף פיליפס ליב געזיכט,
און אויף זיין קאפ, אים שענקענדיק א ברכה,
האט זיך א נעם געטאן זיין האנט און העפטיק איר געדריקט
און באלד אוועק אין גערטנדל דערביי —
מיט גאר א לייכטן הארץ איז פיליפ דאן ארוים אין גאס.

ער האָט אַריינגעגעבןביידע קינדער אין דער שול,
די נויטיקע ביכער זיי פאַרשאַפט, און אַלע אַנדערע קלייניקייטן,
ווי ער וואָלט טאָן זיין פליכט צו אייגענע,
און איז אַ טייל פון זיי געוואָרן. פאַר ענגים גוטן נאָמען וועגן,
אוים מורא פאַר די נאַרישע רכילות אין דעם האָפן,
האָט פיליפּ אָפּט זיך אָפּגעזאָגט פון הארצנס ליבסטן וואונטש,
און זעלטן איבערטראָטן ענגים שוועל, הגם ער האָט
דורך אירע קינדער פיל מתנות איר געשיקט, ווי גרינס און פרוכט,
די ערשטע און די לעצטע רויזן פון זיין גאָרטן,
צי קראָליקלאַך פון זיין אייגענעם באָדן, און אַזוי אָן אויפהער,
זיך רימענדיק מיט דער פיינקייט פון דעם מעל,
(כדי עס זאָל ניט אויסזען ווי אַ ביטערע נדבה)
געשיקט דאָס געמאָלענע מעל איר פון זיין אייגענער
שטאָלצער מיל,
וואָס האָט געפייפט דאָרט אויף דעם ליידיקן פעלד.
נאָר פיליפּ האָט זיך ניט פאַרטיפט אין ענגים זין:
ווען ער פלעגט קומען איר באַזוכן האָט זי קוים געקאָנט
פון איבערפולטן האַרץ און גרענעצלאָזער דאַנקבאַרקייט
געפינען כאָטש אַ שוואַכן וואָרט צו דאַנקען פאַר זיין גוטסקייט,
פאָה ענגים קינדער איז ער דאָך געווען דער הויפּט באַזאָרגער;
זיי פלעגן לויפן אים אַנטקעגן פון די ווייטע ווינקלען אין דער גאַס
זיין האַרציקן באַגריסן האַרציק אים עס אָפּצוענטפערן;

זיי האָבן אין דעם הויז און אין דער טיל געהערשט,
געפלאַנט זיין דולדיקן אויער מיט די קליינע ליידן און די
קליינע פריידן,
אויף אים זיך אָנגעהאַנגען און מיט אים געשפּילט זיך
און אים גערופן: פּאָטער פּיליפּ. הענאָכס גרויס פאַרלוסט
איז פּיליפּס געווינס געווען; הענאָך האָט זיי אויסגעזען
אַט ווי אַ טרוים-בילד, נאָר ניט קלאָר, נאָר בלאַס,
ווי אין אַ גרויען מאָרגן אַ פאַרשוואומען בלאַס געשטאַלט,
וואָס ווייזט זיך ווייט אַוועק ביים ווינקל פון דער גאַס;
דו זעסט ווי עס באַוועגט זיך, דאָך דו ווייסט ניט וואו —
— — — אַזוי נאָך איז אַ צענדליק יאָר אַוועק
זינט הענאָך האָט זיין היים און פאָטערלאַנד פאַרלאָזן,
צען יאָר פאַרביי, און קיין ידיעה ניט פון אים.
דאַן מאַכט זיך איינמאָל אין אַן אָוונט, ווען עס האָט
זיך שטאַרק פאַרגלוסט די קינדער גיין מיט אַנדערע קלייבן ניס;
און עני האָט געזאָלט אויך מיטגיין. דאַן האָבן זיי פאַרלאַנגט
אויך פאָטער פּיליפּ (ווי זיי האָבן אים גערופן);
זיי האָבן אים געטראָפן אינגאַנצן ווייס פון מעל,
אַט ווי אַ פּלייסיקע בין אין בליטן-שטויב,
און זאָגנדיק צו אים: „נו, קום מיט אונדז, אַ, פּאָטער פּיליפּ!"
האָט ער צוערשט אַנטזאָגט; נאָר ווען זיי האָבן אים ניט
אָפּגעלאָזט

האט ער א לאך געטאן און זייער וואונטש דערפילט —
און עגני איז דאך אויך געווען מיט זיי!— זיינען זיי געגאנגען.
נאר ווען זיי זיינען מיט גרוים מי ארויף האלב-וועגס די בערגלאך
דארט, וואו דער זוים פון וואלד פאנג טאן
ארויסצושפראצן צו דעם הימל, דאן האט ענגים כוח
כמעט זיך אויסגעלאזט; זי האט ארויסגעזיפצט:
„א, לאז מיך אפרוען!"
האט פיליפ א צופרידענער זיך אפגערוט מיט איר;
דאס יונגווארג אבער האט מיט פריילאכן געשריי דערוויל
זיך אפגעריסן פון די עלטערע צוויי, און ליארעמדיק
געלאזט זיך טיף ארונטער דורך דעם וויטן וועלדל,
צעשפרייט זיך, דורכגעבויגן און אדורכגעבראכן
די שלאנקע, ווידערשטייענדיקע צווייגן
און די ברוינע קוסטעס אפגעריסן, שרייענדיק
און רופנדיק זיך איינס דאס צווייטע דא און דארטן דורך דעם
וואלד.

נאר פיליפ, זיצנדיק אזוי ביי ענגים זייט, האט ממש גאר
פארגעסן,
ער זיצט לעבן איר, און בלויז געטראכט פון יענער שווארצער שעה
וואס ער האט דא פארבראכט אין וואלד, ווען — ווי א טויט־
פארוואונדעטער —

איז ער אין טיפֿן וואַלד פֿאַרקראָכן... צולעצט האָט ער
אַ הויב געטאָן זיין עניוותדיקן קאָפּ און אָפּגערופֿן זיך:
„ווי פֿריילאַך ס'זיינען דאָס די קינדער, הער נאַר, ענני,
דאָרט אונטן אין דעם וואַלד! ביזט נאָך מיד, ענני?"
— ווייל זי האָט ניט אַ וואָרט אַרויסגערעדט — „ביזט מיד?"

איר קאָפּ איז טיף אין אירע ביידע הענט געווען געזונקען;
דאָרויף האָט ער, כמעט ווי אויפֿגערעגט, אַרויסגערעדט:
„זיין שיף איז אונטערגעגאַנגען, זיין שיף איז אונטערגעגאַנגען!
אַ, דיינק ניט מער דערפֿון! דו ווילסט אין קבר נאָכגיין אים?
די קינדער לאָזן אַלס יתומים?" און ענני האָט געענטפֿערט:
„עס איז ניט דאָס, נאַר — איך ווייס ניט זעלבסט פֿאַרוואָר —
דער אָפּקלאַנג פֿון די קינדערס שטימען פֿילט מיך אָן מיט
איינזאַמקייט אַזוי".

דאַן האָט זיך פֿיליפּ עטוואָס נענטער צוגערוקט צו איר
און אָנגעפֿאַנגען: „עס ליגט מיר עפּעס אויף מיין האַרצן, ענני,
און ס'ליגט שוין אויף מיין האַרצן גאַנץ אַ לאַנגע צייט,
הגם איך ווייס ניט ווען עס איז צוערשט אַהין אַריינגעקומען;
איך ווייס בלויז איינס, עס איז צולעצט פֿון דאָרט אַרויס. אַ, ענני,
עס איז קיין האָפֿענונג ניטאָ, קיין מעגלאַכקייט, אַז ער,
וואָס האָט מיט צען יאָר לאַנגע צוריק פֿאַרלאָזן דיך,

זאָל לעבן נאָך; נו, לאָז מיך רעדן:
עס פּייניקט מיך צו זען דיך אַזוי אָרעם און זיך נויטיקן אין הילף,
און קאָן דיר דאָך ניט העלפן, ווי איך וואָלט פאַרלאַנגט,
נאָר סיידן ווען — מען זאָגט, אַז פרויען פּאַסן זיך גאַנץ שנעל —
דו ווייסט שוין אפשר וואָס איך וויל דאָ זאָגן,
איך זאָל דיך קאָנען האָבן פאַר מיין ווייב. איך וואָלט
געוויס געווען אַ גוטער פאָטער צו די קינדער; איך דיינק,
זיי ליבן מיך אַלס פאָטער אויך, און איך בין זיכער,
איך ליב זיי, ווי זיי וואָלטן מיינע אייגענע געווען;
איך גלויב, אַז ווי דו וועסט נאָר ווערן מיין געטרייע פרוי,
דאַן וועלן מיר, נאָך אַלע טרויעריקע יאָרן און אומזיכערע,
געניסן נאָך פיל גליק, ווייל גאָט גיט גליק צו אַלע זיינע ברואים.
באַדיינק זיך, ווייל איך בין פאַרמעגלאָך — און איך האָב
קיין קרובים ניט,
קיין זאָרג, קיין לאַסט ניט אויסער דיך און דיינע קינדער
צו באַזאָרגן.
מיר זיינען איינס דעם צווייטן דאָך באַקאַנט דעם לעבן לאַנג,
און איך האָב לייגער דיך געליבט, ווי דו אַליין געדיינקסט".
דאַרויף האָט ענני מיט אַ ווייכער שטימע אָפּגעענטפערט אים:
„דו ביזט אין אונזער הויז געווען ווי גאָטס אַ גוטער מלאך.
מעג גאָט פאַר דעם דיר, פיליפ, בענטשן און באַצאָלן,
מיט פיל אַ גרעסערן גליק, ווי איך קאָן זיין פאַר דיר.

איך בעט דיך, זאג מיר, קען מען צוויי מאל ליבן?
קענסטו געליבט פון מיר דען ווערן פונקט ווי הענאך?
וואס איז דאס, וואס דו בעטסט פון מיר?"
„ס'איז מיר גענוג — האט ער געענטפערט — נאר א ביסעלע
פון הענאכס טייל געליבט פון דיר צו ווערן". „א! — האט זי
פון שרעק ארויסגעשריען — ווארט א ווײלע, ליבער פיליפ,
פיליכט קומט הענאך צוריק — נאר הענאך וועט ניט קומען —
דאך ווארט כאטש נאך א יאר, א יאר איז ניט גאנץ לאנג;
געוויס וועל איך אין משך פון א יאר אויך קליגער ווערן,
א, ווארט נאך אויף א ווײל!" און טרויעריק האט פיליפ
איר געענטפערט:
„מיין לעבן לאנג האב איך געווארט און קאן נאך ווארטן לענגער,
ענני".
„א, ניין — האט זי ארויסגערעדט — בלויז אין א יאר ארום
בין איך צו דיר פארבונדן, איך זאג דיר אויף נאמנות צו;
וועסטו ניט ווארטן דען א יאר אט פונקט ווי איך וועל ווארטן?"
ווארטן?"
און פיליפ האט געענטפערט: „יא, איך וועל געוויס נאך ווארטן".
זיי זיינען ביידע שטיל געבליבן, ביז פיליפ האט די אויגן
אויפגעהויבן
און האט דערזען, ווי ס'איז דער לעצטער שטראל פון טאג אוועק
פון איבער די דענישע קברים-בערגלאך; און מורא האבנדיק,

אז ס'ווערט די קילקייט און די נאכט איר שאטן, האט ער זיך
אויפגעהויבן

און האט אוועקגעשיקט זיין קול פון אונטער אים אין וואלד אריין.
באלד זיינען אלם אן ענטפער אנגעקומען אלע קינדער,
רייך באלאדן

מיט זייער שלל: דאן זיינען זיי צוזאמען גלייך אוועק צום האפן,
און דארט, פאר ענגים טיר, האט ער זיך אפגעשטעלט, און איר
זיין האנט דערלאנגט, און דאן מיט איידלקייט געזאגט:
„פיליכט איז דאס געווען א שוואכע שטונדע דיינע, ענני,
ווען דו האסט צוגעזאגט מיך הייראטן. איך האב ניט ריכטיק
געהאנדלט —

אויף אייביק בלייב בלויז איך צו דיר געבונדן — דו ביזט אבער
פריי".

און וויינענדיק האט זי געענטפערט: „ניין, איך בין ניט פריי".
אט דאס האט זי געזאגט, און ווי עס וואלט אן אויגנבליק
גענומען,

אין צייט, ווען זי איז גראד געווען פארטאן מיט הויז-ארבעט,
און האט דערביי געטראכט פון פיליפס לעצטע ווערטער,
אז ער האט לייגער איר געליבט, ווי זי האט ווען געוואוסט,
איז אנגעלאפן שנעל דער צווייטער הארבסט אויפסניי — —
און זע, פאר איר איז פיליפ איצט צום צווייטן מאל געשטאנען
און איר געמאנט דעם צוזאג. „איז א יאר שוין דען פאריבער?"

האָט זי געפֿרעגט. „געוויס" — האָט ער געענטפֿערט — ווייל
עס זיינען שוין די נים
צום צווייטן מאָל געוואָרן צייטיק; קום אַרויס און זע".
נאָר זי — האָט אַלץ אים אָפּגעלייגט — אַזוי פיל נאָך צו טאָן —
אַזאַ מין שריט — אַ חודש — כאָטש אַ חודש נאָך —
זי האָט געוואוסט, זי איז צו אים פֿאַרבונדן — אַ חודש בלויז,
נים מער,
דערויף האָט פיליפּ מיט פיל דורשטיקע אויגן, און זיין שטימע
אַביסל ציטערנדיק, ווי דעם שיכורס האַנט, אַרויסגערעדט:
„גו, נעם זיך, עגני, צייט, ווי פיל דו ווילסט אַליין".
צו אים אויס מיטלייד האָט זי שיר אַרויסגעפּלאַצט אין גרוים
געוויין,
און דאָך האָט זי אים תמיד אָפּגעלייגט און אָפּגעלייגט
מיט צוגעטראַכטע תירוצים,
פּרובירנדיק זיין טרייקייט און געדולדיקייט,
ביז ס'איז אַ העלפט פון צווייטן יאָר פֿאַרשוואונדן.
אין זעלבער צייט האָט אויך דאָס נישטיקע רכילות פון דעם האָפן,
נים אַכטנדיק, וואָס דאָס קען ברענגען שרעקלאַכע יסורים,
זיך אָנגעפֿאַנגען קאָכן, ווי מען וואָלט געקריוודעט יענע מענטשן
דאָרט פֿערזענלאַך.
איין צד האָט דאַן געדיינקט, אַז פיליפּ שפּילט זיך בלויז
מיט עגנין צו;

א צווייטער צד — אז ענני שטויסט אים אפּ פון זיך, כדי אים שטאַרקער צוצוציען,
און אַנדערע ווידער האָבן אָפּגעשפּאָט פון איר מיט אים צוזאַמען,
געהאַלטן זיי פאַר נאַריש און פאַרשטייען זעלבסט ניט וואָס זיי ווילן;
און איינער גאַר, וואָס איז געוועזן אָנגעשטאָפּט מיט לשון הרע,
ווי שלאַנגען־אייער שטייף צוזאַמען, פלעגט מיט חוזק
אויף ערגערע זאַכן אָנווייזן אין יעדן פון זייביידע.
ענגים אייגענער זון, הגם ער האָט געשוויגן, דאָך האָט ער זיין בליק, זיין וואונטש אַנטפּלעקט.
די טאָכטער אָבער פלעגט איר מוטער דרינגענד בעטן
צו הייראַטן דעם מאַן, וואָס איז אַלעמען אַזוי ליב,
דורך דעם פון גרויסער נויט איר הויזגעזינט באַפרייען.
און פיליפּס יונג געזיכט האָט אָנגעפאַנגען וועלקן
און בלייך געוואָרן פון גרוים ערגערניש; די אַלע זאַכן האָבן איר געוויייטיקט, ווי א שאַרפער פאַרוואורף...

— — — פּאַסירט האָט איינמאָל אין א נאַכט,
ווען ענני האָט גראַד שלאָפן ניט געקענט און איז געלעגן שטאַרק פאַרטראַכט,
געזוכט א צייכן פאַר איר פראַגע: איז מיין הענאָך טויט?
און דאַן, אַרומגערינגלט פון דער שוואַרצער וואַנט פון נאַכט,

פארטרייבנדיק איעדע פלוצלונגדיקע שרעק פון הארצן, האט זי
א הויב געטאן זיך פון איר בעט און אנגעצונדן זיך דעם לאמפ,
מיט פיל פארצוויפלונג פלינק א נעם געטאן די ביבל,
צעעפנט פלוצלונג ברייט די בלעטער, א צייכן צו געפינען,
אוועקגעלייגט דעם פינגער מיט אן אימפעט אויף די ווערטער:
„דארט אונטערן פאלמען-בוים״—דאך דאס האט ניט געהאט
קיין זין,
קיין שום באדייטונג ניט געטראגן — פארמאכט דאס בוך,
צוריק געגאנגען שלאפן.
עס האט זיך איר געחלומט: איר הענאך זיצט גאנץ הויך,
דארט אונטערן פאלמען-בוים, און איבער אים די זון.
„ער איז געשטארבן״ — האט זי איצט געטראכט — „ער איז
דארט גליקלאך,
ער זינגט א תפילה אין די הימלען״. זי האט זיך באלד
אויפגעכאפט.
זי האט באשלאסן און געשיקט נאך פיליפן און צו אים געזאגט:
מיט אימפעט: כ׳זע ניט מער קיין גרונד, פארוואס מיר זאלן
איצט ניט הייראטן״.
„אום גאטעס ווילן״ — האט ער איר געענטפערט —
„ווילסט הייראטן מיט מיר, טו זאל עס באלד געשען״.

די חתונה-צייט איז אנגעקומען און די גלעקער האבן פריילאך
צוגעקלונגען,

די גלעקער האָבן פריילאַך צוגעקלונגען און זיי האָבן
חתונה געהאַט.
דאָך קיינמאָל פריילאַך האָט שוין ענגים האַרץ ניט מער געשלאָגן.
איר האָט זיך אויסגעדוכט, ניט ווייסנדיק פון וואַנען,
ווי אימיצער גייט ווי אַ שאָטן נאָך איר נאָך; ניט ווייסנדיק פון
וואַנען,
ווי ס'פּליסטערט וועמעס סוד אין אויער איר אַריין; זי האָט
דאַריבער ניט
געוואָלט אַליין אין הויז פאַרבלייבן, אַליין אין גאַס אַרויסגיין.
דאָך, וואָס איז פאַרט מיט איר געווען, וואָס איידער זי פלעגט
אינם הויז
אַריינגיין, פלעגט זי דאַן איר האַנט אַ לאַנגע ווײַלע לאָזן ליגן
אויף דער קליאַמקע, בלויז אום מורא אין דער שטוב
אַריינצוטרעטן?

נאָר פיליפּ האָט געדיינקט, ער ווייסט: אַזאַ מין צושטאַנד פון
אומרואיקייט און שרעק פלעגט פאַרקומען, ווען ענגי איז
אין שוואַנגערשאַפט פאַרגאַנגען. נאָר ווען דאָס קינד איז אויף
דער וועלט געקומען,
ערשט דאַן האָט ענגי מיט דעם קינד ווי נײַ געבאָרן אויסגעזען,
און ס'האָט פיל מוטער־גליק אויפסנײַ אין ענגים האַרץ
אַרײַנגעדרונגען.

אַט דעמאָלט האָט פאַר איר בלויז עקזיסטירט איר גוטער פיליפּ,
און ס'איז דאָס טונקעלע געפיל אינגאַנצן דאַן אין איר
פאַרשוואונדן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און וואו איז הענאָך הינגעקומען? די שיף „גרויס גליק"
האָט זיך בשלום דאַן געזעגלט, כאָטש ביי איר אַרויספאָר
אין ביסקיישן ים האָט זי צו מזרח-צו אין שטורעם זיך געבויגן,
און איז כמעט געזונקען, דאָך מיט מוט האָט זי
אַדורכגעגליטשט זיך דורך דעם זומער פון דער וועלט,
און דאַן, נאָך פילע מאָל זיך בלאָנדזשענדיק אַרום דעם
ברעג פון לאַנד
און שנעלן אויסבייט פון אַט-גוט-אַט-שלעכט,
האָט זי אַדורכגערייזט די זומער-וועלט צום צווייטן מאָל,
אַן אויפהער פילנדיק אויף זיך דעם אָטעם פון דעם הימל,
און רואיק דורכגעגליטשט זיך דורך די גאָלדענע אינזלען,
ביז זי איז צוגעקומען שטיל צום מזרח האַפן.

אַט דאָרט האָט הענאָך ערשט פאַר זיך אַליין געהאַנדלט,
און וואונדערזאַכן איינגעקויפט, וואָס ווערט פאַרלאַנגט אין מאַרק
אַחוץ דעם אַלעמען — אַ גאָלדענעם דראַכן פאַר די קינדער
זיך צו שפּילן.

דאָך ערגער איז געווען די רייזע צוריק אַהיים; אין אָנהויב,

אדורך די שטילע ימען, האָט די שיף טאָג־איין, טאָג־אויס
זיך קוים געשאָקלט; ס'האָט איר גאַנצע שיינע שיף־פיגור
כמעט אַרויסגעקוקט זיך קרייזלענדיק אין שטילע שיינע
כוואַליעס;

דאָן ים־שטילקייט, דאָן ניט באַשטענדיקע ווינטן,
אַ לאַנגע רייע פון אַנטוישונגען און צו לעצט אַ שטורעם,

וואָס האָט די שיף אין פינצטערניש פאַרטריבן,
זיך אַנגעשטויסן מיט אַ בייזער כוואַליע, וואָס האָט
אין פיצלאַך איר צעקראַכט און אַלץ אַרום צום גרונט געבראַכט;
בלויז הענאָך מיט צוויי אַנדערע האָבן זיך אַ האַלבע נאַכט
געהאַלטן שווימענדיק אויף שטיקער טאַקל־ווערק פון שיף,
צעבראָכענע מאַסטן, און אַרומגעשלעפּט זיך, ביז ס'האָט זיי
דער ים פאַרוואָרפן, ערשט צו מאָרגנס, אויף אַ רייכן אינזל,
כאָטש גאָר דער איינזאַמסטער אינזל אויפן איינזאַמען ים.

קיין עסנוואַרג האָט דאָרטן ניט געפעלט:
פיל זאַפטיקע פרוכט און שטאַרקע נים און נאַרהאַפטע וואָרצלען;
ס'איז אויך ניט שווער געווען, סיידן פון רחמנות וועגן,
צו פאַנגען הילפלאָזע ברואים, מילדע אין דער ווילדערניש.
אָט דאָרטן, אין אַ פעלזן־שפּאַלט, וואָס קוקט צום ים־צו, האָבן זיי
זיך אויסגעבויט אַ שטוב, ס'הייסט: האַלב אַ שטוב און האַלב
אַ הייל,
דעם דאַך באַדעקט מיט פּאַלמען־בלעטער. אָט אַזוי נאָך האָבן זיך

די דריי באַזעצט אין דעם גן עדן פון כל טוב,
געוואוינט אין מיטן פונם אייביקן זומער, אומצופרידן.

דעם איננגסטן פון די דריי, כמעט אַ אינגל,
אים האָט די אומגליק-נאַכט אינגאַנצן רואינירט,
פינף יאָר איז ער געלעגן ווי אַ לעבעדיקער מת;
זיי האָבן אים פאַרלאָזן ניט געקענט. און ווען ער איז געשטאָרבן,
דאַן האָבן אַט די צוויי געפונען אַ צעבראָכענעם שטאָם;
און הענאַכס קאַמעראַד, צוליב זיין אייגענער פאַרנאַכלעסיקייט,
אויסהוילנדיק
דעם בוים דורך פייער, אויף דעם שטייגער פון די אינדיאַנער,
איז פון אַ זונען-שטיך געפאַלן; הענאַך איז געבליבן דאַן אליין.
אין די צוויי טויטן-פאַלן האָט גאָטס פינגער אים
געוויזן: „וואַרט!".
דער וואַלד האָט זיך געצויגן ביז צום העכסטן שפּיץ פון באַרג,
די לאַנקעס און די שלענגלדיקע שטעזשקעס אַרויף גאַנץ הויך
ווי הימלם וועגן;
די היינגענדיקע פעדער-קרוינען פון דעם שלאַנקן קאַקאָס-בוים,
די בליצן-שיין פון פייגל און אינסעקטן,
די פּראַכט פון לאַנגער שלאַנגען-פלאַנצונג,
וואָס וויקלט ווייט פאַנאַנדער אירע שיינע וואָרצלען
און לאָזט זיי לויפן ביז צום ברעג פון אינזל,

דער גאַנצער גלאַנץ פון ברייטן טראָפּישן גאַרטל פון דער וועלט,
דאָס אַלץ האָט ער געזען. נאָר וואָס ער האָט געבייִנקט צו זען:
אַ פריינטלאַך פּנים פון אַ מענטשן — דאָס האָט ער שוין דווקא
ניט געזען,
אנשטאָט אַ ליבע שטימע פון אַ מענטשן האָט ער גאָר געהערט
אַ מיל־מיליאָסן קווימשערייַ פון טומלענדיקע ים־פייגל,
דאָס דונערן פאַר מיילן־ווייט פון כוואַליעס אויף די פעלזן,
דעם שטענדיקן באַוועגלאַכן געראויש פון ריזן־ביימער,
וואָס האָבן זיך צעצווייגט, צעבלימ צום העכסטן פּונקט,
דעם רוישיקן אויסגוס פון דעם טייכל אויף דער כוואַליע,
וואָס פאַלט אין ים אַריין; צי זיצנדיק גאַנץ אָפט ביים ברעג,
אַ גאַנצן טאָג און קוקנדיק אָט סתם אַזוי צום ים־צו —
פאַרוואָרפן פון אַ שיף, דאָך וואַרט איצט אויף אַן אַנדער שיף!
טאָג־איין, טאָג־אויס, קיין שיף איז ניט געקומען, נאָר טעגלאַך
איז דורך די שאַרלאַך־רויטע פיילן אויפגעגאַנגען רויט די זון,
און צווישן פּאַלמען־בוימער, פּאַפּאַראָטניקעס און אָפּגרונטן:
אַ גליענדיקע איז זי געלעגן אויף די וואַסערן צו מזרח זייט,
אַ גליענדיקע איז זי געהאַנגען איבער הענאַכס אינזל,
און גליענדיק איז זי פאַרגאַנגען אויך אין מערב זייט;
נאָכדעם — די גרויסע שטערן אין דעם הימלשן געוועלב,
דאָס טיפע ברילן פון דעם אָקעאַן, און ווידער
דער שאַרלאַך־רויטער זונען־אויפגאַנג — נאָר ניט קיין שיף!

גאַנץ אַפּט, ווען ער'ט אַזוי געוואַכט, צי אויסגעזען צו וואַכן,
אַזוי אַ שטיל, האָט זיך אויף אים אַרויפגעזעצט דער גאָלדענער
עקדש,

פאַר אים האָט זיך באַוועגט אַ פאַנטאַם געוועבט פון פילע
פאַנטאַמס,

און אים געפלאָגט; צי זיינען דאָס געווען געדאַנקען און
פאַנטאַזיעס,

וואָס האָבן אים אַוועקגעטראָגן ווייט און אים געוויזן

די מענטשן, זאַכן און די ערטער פון אַמאָל אים גאָנץ באַקאַנט,
גאַנץ לאַנג אַוועק, אַריבער יענע צייט פון טונקעלן אינדזל,
די קינדערישע פלאַפלעריי, זיין ענני, קליינע הויז,
און די משופּעדיקע גאַס, די מיל, די גרינע לאַנקעס,

דעם פאַווע־עבן־בוים, דעם שטילן שלאָס,
דאָס פערד, מיט וועלכן ער איז געפאָרן, די שיף, וואָס ער'ט
פאַרקויפט,

פּראַסטיקע נאַוועמבער־מאָרגנס, און די טויאיקע טונקעלע
קברים־בערגלאַך,

די שפּריי־רעגנס, דעם ריח פון די וועלקנדיקע בלעטער
און שטילן קלאַנגנדיקן טאָן פון בליי־קאַלירטע ימען.

און זיצנדיק אַזוי אַמאָל האָט ער, דורכן קלינגען אין זיין אויער,
דערהערט, הגם גאַנץ שטיל און דין — פון ווייט, גאָר ווייט
אַוועק —

דאָס קלינגען פון זיין היימאַטלאַכן קירכן־גלאָק־געקלאַנג.

דאַן איז ער אויפגעשפּרונגען מיט אַ ציטער אין זיין האַרצן,
ניט וויסנדיק אַליין פאַרוואָס, און ער האָט קריק דערזען
זיין אינזל דעם פאַרהאַסטן — האָט דען ניט זיין אָרעם האַרץ
געדערדט מיט גאָט, וואָס וועלטיקט איבעראַל,
און לאָזט ניט קיינעם, וועלכער דינט אים, בלייבן איינזאַם?
געווים, דער מענטש איז שיר פון איינזאַמקייט געשטאָרבן.

אַזוי איז איבער הענאָכס פאַר־דער־צייט געוואָרענער גרויער קאָפּ האָר
געקומען און פאַרשוואונדן יאָר־איין, יאָר־אויס,
די זונען־ און די רעגן־צייט. זיין האָפענונג אַהיימצוקערן זיך
און אומשפּאַצירן אויף די הייליקע אַלט־באַקאַנטע פעלדער
האָט זיך ניט אָפּגעטאָן פון זיין געדאַנק — ביז פּלוצלונג איז
אַ סוף געקומען צו זיין איינזאַמען מזל.
אַן אַנדער שיף (עס האָט איר וואַסער אויסגעפעלט)
איז דורך פאַרפירטע ווינטן, ווי „גרויס גליק" אַמאָל,
אַרונטער פון איר גלייכן וועג, און דאָ ביים אינזל
געבליבן שטיין, ניט וויסנדיק אַליין אַוואו זי שפּאַרט איצט אָן;
נאָר ווען דער נעבל, וואָס האָט איינגעהילט דעם אינזל, האָט
געפּלאַצט,
דאַן האָט ער תיכף ומיד אַרויסגעלאָזט די מאַנשאַפט,
באַלד גלייך מיט טאָג, און ס׳האָט דער קאַפּיטאַן פון שיף

באמערקט די שטילע וואסערן זיך גליטשנדיק פון בערג ארונטער,
כדי פאנטאנען, טייכלאך אויפצוזוכן, און די חברה האט
אנגעפילט
מיט פרייד-געשריי די ברעגן. פון שפיץ בארג איז איצט
ארא‏פגעשטיגן דער באוואקסענער מיט האר און לאנגער בארד,
דער איינזאמער, פארברוינט, און קוים וואס ענלאך צו א מענטשן,
אין מאדנע קליידער, מורמלענדיק און שטאמלענדיק,
ווי א פאררוקטער האט ער אויסגעזען, מיט ניט א קלארן לשון,
און צייכנס האט ער אט די געסט געוויזן, וואס קיינער האט זיי
ניט געקענט פארשטיין;
דאך האט ער זיי אוועקגעפירט אוואו עס לויפן טייכן זיסע
וואסער;
און ווען ער האט זיך מיט די מענטשן מער און מער באקאנט,
געהערט זיי רעדן, דאן איז הענאכס לאנג-געבונדענער צונג
געווארן לויז, ביז ער האט אנגעפאנגען ווערן זיי פארשטענדלאך;
זיי האבן אנגעפילט די פעסער און אויך מיטגענומען אים מיט זיך.
ערשט אויף דער שיף האט הענאך זיי די מעשה שטיקלאכווייז
דערציילט —
אין אנפאנג האבן זיי מיט שוועריקייט געגלויבט, נאר
שפעטער-צו
דערשטוינט, גערירט געווארן זיינען די, וואס האבן אים נאר
אויסגעהערט.

זיי האָבן ענדלאַך אים באַקליידט און געגעבן פריי אים רייזע־
קאַסטן;
אַחוץ, וואָס ער'ט גאַנץ אָפּט דער מאַנשאַפט צוגעהאָלפן, און
אַזוי גאָר ביסלאַכווייז פון זיך די איינזאַמקייט אַראָפּגעוואָרפן.
ס'איז קיינער פון דער מאַנשאַפט ניט געקומען גראָד פון הענאַכם
געגנט.
זיי האָבן ניט געוואוסט דערפאַר אים וואָס צו ענטפערן
אויף זאַכן, וואָס ער וואָלט געגליכן זיי צו פרעגן און צו וויסן.
די רייזע האָט זיך לאַנג געצויגן און גאַנץ אָפּט געוואָרן
אָפּגעהאַלטן,
די שיף האָט קוים געפּאַסט זיך פאַר דער רייזע, דאָך וואָס מער
און מער
איז זיין נשמה און פאַנטאַזיע פאַרויס דעם פוילן ווינט געלאָפן,
ביז אונטער אַ פאַרוואָלקנטער לבנה־נאַכט האָט הענאָך
ווי אַ פאַרליבטער מיט זיין גאַנצער ליידנשאַפט, אַ לעבנצנדיקער,
אין זיך אַריינגעזויגן די מאָרגן־לופט
פון ענגלאַנדס טוי־באַדעקטע פעלדער,
געבלאָזן דורך איר נעבלהאַפטער וואַנט.
דעמזעלבן מאָרגן האָבן די אָפיצירן און די מאַנשאַפט
אַרויפגעלייגט אויף זיך אַ פרייוויליקן שטייער און געגעבן עס
מיט פיל סימפּאַטיע צו דעם איינזאַמען הענאָכן;
דאַן האָבן זיי אים צוגעפירט צום ברעג און דאָרט אַראָפּגעזעצט,

אין זעלבן האָפן, וועלכן ער האָט יאָרן צוריק פאַרלאָזן.
ער האָט צו קיינעם ניט אַ וואָרט אַרויסגערעדט,
נאָר גייענדיק אַהיים — אַהיים — אַ וועלכע היים?
צי האָט ער ערשט אַ היים? ער האָט זיין היים געזוכט.
אַ שיינער זוניקער נאָכמיטאָג איז עס דאַן געווען, נאָר קאַלט;
ביז דורך דעם פעלזן־שפּאַלט אַרויף, וואָס האָט צעטיילט
די ביידע האָפנס, האָט אַ נעבל זיך געוויקלט
און איינגעהילט די וועלט אין גרויען; ס׳האָט אָפּגעטיילט
די ליינג פון לאַנד־גאָס אין פאַרוים־צו, און געלאָזן בלויז
אַ שמאָלן וועג צו לינקס און רעכטס פון אַ פאַרוועלקטן וואַלד,
פון אַ פאַרטריקנט פעלד, צי פון אַ שטיקל פאַשע.
דאָס רויט־קעלכן האָט פון כמעט אַ נאַקעטן בוים אַראָפּגעזונגען,
אַזוי אַן טרייסט, און דורך דעם טריפנדיקן נעבל איז דעם פויגלס
זינגען
דאַן מיט דער טויטער לאַסט פון טויטע בלעטער צו דער ערד
געפאַלן.
דער נעבל איז געוואָרן אַלץ געדיכטער, די טונקלקייט אַלץ טיפער,
און ענדלאַך האָט אַ בליאַסק געטאָן אַ גרויסע נעבל־ליכט
פאַר זיינע אויגן, און ער איז צום פלאַץ געקומען.
גראַד ווי אַ גנב האָט ער איצט אַדורכגעשלייכט די לאַנגע גאַס,
ער האָט ביי זיך אין האַרצן שוין דערפילט דעם אומגליקס שאָטן,
די אויגן צו דער ערד געזונקען איז ער צוגעקומען דאָרט.

וואו זיין ענני האָט געלעבט און אים געליבט,
וואו זיינע קינדער זיינען אין אָט יענע זיבן גליקלאַכע יאָר
געבאָרן געוואָרן; נאָר ניט געפינענדיק קיין ליכט, קיין קול
(אַ צעטל „צום פאַרקויפן" האָט אַדורכן גלעבל דורכגעבלאַנקט)
איז שטילערהייט ער צוריק די גאַס אַרונטער, טראַכטנדיק
ביי זיך:

„איז ענני טויט, צי איז בלויז ענני טויט פאַר מיר!"
ער איז אַראָפּ צום טייך און צו דעם שמאָלן האַפן,
זיך אויפגעזוכט אַ שיינק, וואָס איז אים נאָך געווען באַקאַנט,
אַ זאַך פון אַלטערטימלאַכקייט האָט אויסגעזען די פראָנט,
אָן אייגעפאַלענע, צעפּרעסענע פון ווערים, גאָר אַן אַלטע חורבה,
„עס מוז שוין גאָרניט זיין פון איר"—האָט ער געטראַכט.
דער שיינקער זעלבסט איז דאָרטן מער שוין ניט געווען;
דאָך זיין אַלמנה, מרים ליין, האָט נאָך דאָס הויז געהאַלטן
און זיך פון איר דערנערט. עס זיינען ניט געקומען מער אַהין
די מחנות ליאַרעמדע מאַטראָזן, איצט איז שטילער פיל געווען,
דאָך איז געשטאַנען נאָך אַ בעט פאַר וואַנדערער.

אַ שווייגענדער האָט פיליפּ דאָרט געוואוינט אַ היבשע צייט.
געווען איז מרים ליין אַ גוטע פרוי, אַ פּלוידער־זאַק;
זי האָט אים רוען ניט געלאָזט, נאָר אָפּט אַריינגעמישט זיך אין

זיין לעבן,
און צווישן אנדערע געשיכטעס פון דעם האפן אויך דערציילט
אים
— זי האט דעם ברוינעם הענאכן, דעם געבויגטען און
געבראכענעם ניט דערקענט —
די גאנצע מעשה פון זיין הויז, אט ווי דאס אינגסטע
איז געשטארבן,
ווי ענני איז אין טיפער נויט געזונקען, און ווי פיליפ האט די
קליינע קינדער
אין שול אריינגעגעבן און זיי דארט געהאלטן; פיליפס לאנגער
שדכנען זיך
צו איר, דאס לאנגע ווארטן אירס ביז זי האט צוגעשטימט,
די היירעט זייערע, ווי זי האט פיליפן א קינד געבארן.
נאר איבער הענאכס האלטונג איז קיין שאטן פון גערירטקייט
ניט אדורך,
ער האט אומישנע זיך געהאלטן מיט פיל ווייניקער געפיל
ווי די דערציילערין,
נאר ווען זי האט דערציילן שוין געענדיקט האט ער דאן
ארויסגערעדט:
„דער ארעמער הענאך איז פארשטויסן און פארלארן".
און שאקלענדיק זיין גרויע קאפ פאטעטיש האט ער א צווייטן
מאל ארויסגעמורמלט: „פארשטויסן און פארלארן!"
און טיף ביי אים אין הארצן האט עס אפגעהילכט: „פארלארן".

נאר הענאָך האָט געלעכצט כאָטש נאָך איינמאָל צו
זעען ענגים פּנים:

„אָ, ווען איך וואָלט געקאָנט אַ קוק טאָן כאָטש
נאָך איינמאָל אויף איר זיס געזיכט,
און אויסגעפינען אויב זי איז באמת גליקלאַך" — אזוי האָט זיין געדאַנק
אָן אויפהער אים פאַרפאָלגט און שטאַרק געקוועלט;
ביז ס'האָט אים צו דעם בארג פאַרטריבן, און אָן אָוונט,
ווען דער נאָוועמבער־טריבער טאָג פאַרגייט זיך אין דעם טריבן פאַרנאַכט,
אָט דאָרט איז ער געזעסן און אַראָפּגעקוקט אויף אַלץ דאָרט הינטן;
זכרונות אָן אַ צאָל האָבן דורכגעשוועבט זיין קאָפּ,
צו־טרויעריק זיי צו באַשרייבן. פּלוצלונג האָט אַ רויטלאַכע באַקוועמע ליכט, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון הינטער־גרונט פון פיליפּס הויז,
פאַרלאָקט זיין אויג, פּונקט ווי די שיין פון אַ ליכט־טורעם פאַרלאָקט דעם וואַנדער־פויגל, ביז ער קלאַפּט זיך אָן אים אָן און הויכט אַרוּים זיין לעצטן מידן אָטעם.
ס'הייסט פיליפּס וואוינונג האָט אַרויסגעקוקט אין גאַס אַרוים,
דאָס לעצטע הויז צום לאַנד־צו; נאָר פון הינטן
האָט טיף געגרינט אַ קליין פּירעקיק גערטנדל, פאַרפאַרקאַנט,

און איין־און־איינציג טירעלע, וואָס האָט אַרויסגעפירט אין
פעלד אַריין;
אין גערטנדל געוואַקסן איז אַן אַלטער אייביק־גרינער
אייכן־בוים,
ס'איז רונד אַרום אַ סטעזשקעלע פון שטיינדעלאַך געלאָפן,
די סטעזשקע האָט אין צווייען זיך צעטיילט. נאָר הענאָך
האָט אויסגעמידן גיין אין מיטן, ער האָט זיך דורכגעשלייכט
ביים וואַנט פון הינטערן בוים; פון דאָרט האָט הענאָך דאַן געזען,
וואָס ער וואָלט בעסער אויסגעמידן זען,
אויב ס'איז נאָך שייך בעסער אָדער ערגער
אין שמערצן פונקט ווי זיינע.

דאָס זילבערוואַרג און גאָלדאַרג האָט געשימערט און געגלאַנצט
אויפן בלאַנקן טיש; ווי אַנגענעם ס'האָט אויסגעזען דער קאַמין!
ביים רעכטן זייט פון פייער האָט הענאָך פיליפּן באַמערקט,
דער חתן, וועמען ענני האָט אַמאָל צוריקגעוויזן אים צו הייראַטן,
אַ קרעפּטיקער, אַ בליענדיקער, אויף זיין שויס זיין קינד;
און איבערן שטיף־פאָטער האָט זיך אַריבערגעבויגן אַ מיידל,
אינגאַנצן ענני לי, נאָר אַ אינגערע און שטאָלצערע,
מיט שיינע לאָקן, און אַ שלאַנקע, פון איר אויפגעהויבענער האַנט
האָט זיך אַרומגעוויגט אַ רינגל צוגעבונדן צו אַ לאַנגן באַנד
צו רייצן זיך מיטן קינד, וואָס האָט די פּאָלבנרייכע הענטלאַך

צו כאַפּן אויסגעשטרעקט אומזיסט; זיי האָבן געלאַכט!
ביים לינקן זייט פון פייער האָט ער איר געזען שטיין,
די מוטער, כאַפּנדיק אַן אָפּטן בליק צום קינד, נאָר שנעל
זיך קערנדיק אויף צוריק צו רעדן מיט איר זון ,וואָס איז
געשטאַנען לעבן איר, אַ הויכער און אַ שטאַרקער, און זי האָט
צו אים גערעדט, וואָס איז אים שטאַרק געפעלן, ווייל ער האָט
געשמייכלט.

און איצטער, ווען ער האָט דער אויפגעלעבטער טויטער דאָס
דערזען —
זיין ווייב, זיין ווייב ניט מער, איר קינד דערזען,
ניט זיינס, ווי ס׳שפּילט זיך אויף דעם פאָטערס שויס,
די וואַרעמקייט, דעם שלום בית און דאָס טיפע גליק,
דיביידע זיינע אייגענע קינדער, שיין און גרויס געוואַקסן,
און אים, אָט פיליפּן, פאַרנעמענדיק זיין שטעלע,
באַזיצנדיק זיין רעכט און זיינע קינדערס ליבע —
האָט ער דאָן, כאָטש עס האָט אים מרים אַלץ דערציילט,
נאָר ווייל געזעענע זאַכן ווירקן שטאַרקער ווי געהערטע,
צו שטאַמלען אָנגעפאַנגען און צו וואַקלען, אָנכאַפּנדיק זיך
ביי אַ צווייג,
אוים מורא ער זאָל ניט אַרויס אין אַ געשריי, אַ שרעקלאַכן

וואָס וואָלט אין איין מאָמענט, פונקט ווי דער שאָל פון שופר אין „יום הדין״ דאָס גאַנצע ערדיש גליק צעשטערט.

ער האָט דערפאַר זיך ווי אַ גנב דורכגעשלייכט,
כדי עס זאָל דאָס רויע זאַמד ניט שאָבען אונטער זיינע פיס,
און טאַפּנדיק דעם גאַנצן וועג דעם פאַרקאַן פונ׳ם גאָרטן,
כדי ער זאָל ניט פאַלן, חלשן און נאָך אויסגעפונען ווערן,
איז הענאָך קוים דערגאַנגען ביז צום טירל, אויפגעעפנט און צוריק
פון הינטער זיך פאַרמאַכט עס גרינג, ווי מען פאַרמאַכט אַ טיר,
וואו ס׳ליגט אַ חולה, און אַרויס אין פעלד אַריין.

אָט דאָרט וואָלט ער געקניט, נאָר ס׳זיינען אים די קניען
אַזוי געוועזן שוואַך, אַז הענאָך איז געפאַלן, די פינגער
אַריינגעגראָבן אין דער נאַסער ערד, און האָט געבעטן:
„צו שווער פאַר מיר דאָס אויסצושטיין! נאָך וואָס האָבן זיי
מיך דאָ אַהער געבראַכט?
אַ, שטאַרקער גאָט, מיין טייערער דערלייזער, דו וואָס האָסט
געגעבן מיר פיל קרעפטן אויף מיין ווייט פאַרוואָרפענעם אינזל,
גיב קראַפט מיר אויך, אַ, פאָטער, אין מיין איינזאַמקייט,
אַביסל לייגגער נאָך! אַ, העלף מיר, גיב מיר מוט און קראַפט
צו שווייגן, איר ניט לאָזן פון מיר קיינמאָל וויסן.
אַ, העלף מיר, כ׳זאָל איר שלום בית ניט צעשטערן.

אך, מיינע קינדער! דאַרף איך אויך צו זיי ניט רעדן?
איך בין דאָך זיי אַ פרעמדער, סיידן כ'זאָל זיך לאָזן איצט צו זיי
דערקענען.
אך, קיינמאָל ניט קיין פאָטער־קוש פאַר מיר —
מיין טאָכטער אַזוי ענלאַך צו איר מוטער, און מיין זון!"

דאָ האָט דאָס וואָרט, נאַטור און דער געדאַנק אים אויסגעפּעלט,
ער איז געלעגן זינלאָז פאַר אַ צייט, נאָר ווען ער האָט זיך
אויפגעשטעלט
און אָנגעפאַנגען גיין אויף צוריק צו זיין פאַראייניזאַמט הויז,
איז ער די גאַנצע לאַנגע שמאָלע גאַס אַדורכגעגאַנגען,
זיך איבערזאָגנדיק אין זיין מידן קאָפּ די ווערטער,
אָט ווי עס וואָלט געווען אַ פערז פון גאָר אַ פיינע ליד:
„צו שוויגן, איר ניט לאָזן קיינמאָל פון מיר וויסן".

אינגאַנצן אומגליקלאַך איז הענאָך ניט געווען, עס האָט אים זיין
באַשלוס געגעבן מוט, זיין פעסטער גלויבן און געבעט האָבן
אַרויסגעקוועלט פון זיין אינערלאַכן לעבעדיקן ווילנס־קוואַל
און האָבן אָנגעשלאָגן זיך אָן גאַנצן ביטערניש פון לעבן,
אָט ווי די זיסע ברונעמס וואַסער אָן די שטורעמדיקע ימען —
בלויז דאָס האָט אָפּגעפרישט זיין גייסט. „דעם מילנערס ווייב—
האָט ער געזאָגט צו מרימען—פון וועלכער דו האָסט מיר
דערציילט,

האט גאר קיין מורא, טאמער לעבט נאך ערגעץ וואו איר
ערשטער מאן?"

„יא, יא, די ארעמע נשמה — האט אים מרים אפגעענטפערט —
זי ציטערט שוין געווג פאר דעם, און הלוואי וואלסטו געקענט
איר כאטש דערציילן, אז דו האסט א טויטן אים געזען,
וואס פאר א טרייסט עס וואלט פאר איר געווען!" און הענאך האט
א טראכט געטאן: „ווען איך וועל שטארבן וועט זי זיך דערוויסן,
איך ווארט די צייט זאל קומען". הענאך, האסנדיק נדבות,
האט פארגענומען זיך פאר זיך זיין כשר ברויט אליין איצט צו
פארדינען.

ער האט זיך אויסגעטויגט צו וואס ער האט זיך צוגערירט,
א באנדער זיין, א סטאליער, און האט שווער געארבעט
ביי שטריקן נעצן פאר די פישער, אדער זיי געהאלפן
די הויכע בארקעס אנצולאדן און זיי אויסצולאדן,
וואס האבן סחורה פאר די מארקן דאן געפירט;
אזוי האט ער זיין ארעם ברויט פאר זיך אליין פארדינט.
דאך זייט ער האט באדארפט פאר זיך אליין נאר ארבעטן,
אן ארבעט אן שום האפענונג, איז דארט קיין לעבן ניט געווען,
ייאס ס'זאל אים מוט צום לעבן געבן. און ווען עס איז דער יאר
פאריבער
זייט ער איז צוריק געקומען, איז אים א בייקעניש באפאלן,

אַ לייכטע קראַנקייט און אַ מידקייט ביז ער האָט
ניט מער שוין אַרבעטן געקאָנט; ער האָט זיין הויז,
זיין שטול, צולעצט זיין בעט ניט מער געקאָנט פאַרלאָזן.
דאָך העניאָך האָט זיין קראַנקייט דורכגעליטן בראַוו;
עס זעט געוויס ניט אויס צופרידענער אַ ווייט־פאַרבלאָנדזשעט
שיף

דורך גרויען נעבל, ווען ער ווערט צעגאַנגען, און די שיף
באַמערקט דאָס רעטונג־שיפל, וואָס ברייננגט אַ נייע האָפנונג
און לעבן צו די מענטשן אין פאַרצווייפלונג, ווי העניאָך, ווען ער
האָט דערזען,
ווי עס דערנענטערט זיך צו אים דער טויט, דער
אומפאַרמיידלאַכער סוף.

נאָר דורך דער טונקלקייט האָט העל אַ שטראַל געטאָן אַ
ליכט פון האָפנונג
אין העניאָכס מוח: „ווען איך וועל זיין שוין טויט" — האָט ער
געטראַכט —
וועט עניי ערשט געוואָר ווערן, ווי איך האָב זי ביז צו ענד
געליבט".
ער האָט גערופן מרימען אויפן קול און האָט געזאָגט:
„איך וויל פאַרטרויען אייך אַ סוד, מיין פריינט, נאָר שווערט
נאָך איידער כ'זאָג אייך אויס — און שווערט מיר ביי דער ביבל,

דעם סוד ניט צו אַנטדעקן ביז איר זעט מיך טויט“ — — —
„טויט! — האָט אַ געשריי געטאָן די גוטע מרים — הערט אים רעדן!
איך בין ערב, פריינט, מיר וועלן דיך געזונט נאָך מאַכן“.
„שווערט ביי דעם בוך“ — האָט הענאָך שטרייַנג אַרויסגערעדט.
און מרים האָט כמעט מיט שרעק געשוואָרן ביי דעם בוך.
ער האָט געגלאָצט צו איר דאָן זיינע אויגן און געזאָגט:
„האָסט ווען געקאָנט דעם הענאָך האַרדען פון דעם שטעטל?“
„געקאָנט? — האָט זי געפרעגט — כ'האָב אים געקאָנט אפילו
פון דער ווייטן,
יאָ, יאָ איך האָב אים אָפט געזען די גאַס אַדורכגיין,
דעם קאָפּ געהאַלטן שטאָלץ, ווי ס'וואָלט קיין זאַך אים ניט געקימערט“.
גאַנץ טרויעריק און לאַנגזאַם האָט דאָן הענאָך איר געענטפערט:
„זיין קאָפּ איז איצט געבויגן און קיינער קימערט זיך ניט
איבער אים! —
איך פיל, איך האָב נאָך קוים דריי טעג צו לעבן;
איך בין עס ער“. אָט דאָ האָט מרים אויסגעשריען
אַ גאַר אומגלויבלאַכן, כמעט היסטערישן געשריי:
„איר אַרדען?!, איר! אָ, ניין, ווייל יענער איז געווים געוועזן
פון אייך פיל העכער“. הענאָך האָט געענטפערט:
„מיין גאָט האָט מיך געבראַכט צו אָט דער איצטיקער מדרגה;

מיין איינזאַמקייט און ליידן האָבן מיך צעבראָכן;
דאָך מעגט איר איצט עס וויסן: איך בין דאָס דער דאָזיגער,
וואָס האָט געהייראַט — דאָך צוויי מאָל האָט איר נאָמען זיך
געענדערט —
איך האָב געהייראַט מיט יענער, וואָס האָט געהייראַט
פּיליפּ רײ.
נאָר זעצט זיך, הערט זיך צו!" דאַן האָט ער פון דער רייזע
איר דערציילט,
פון שיף־ברוך, פון זיין איינזאַמקייט, זיין קומען צוריק אַהיים.
ווי ער'ט אַריינגעקוקט אין ענגים הויז; אויף וועלכן אופן
ער האָט געהאַלטן זיין באַשלוס. ווען מרים האָט אים אויסגעהערט
איז פון איר טרערן־קוואַל אַ שנעלער שטראָם געפלאָסן
און ס'האָט איר האַרץ געצויגן אַן אַן אויפהער
אַרומצולויפן אין דעם גאַנצן קליינעם האַפן און אַלעמען
מודיע זיין פון הענאָך אַרדען און זיין טיפן צער,
נאָר פול מיט מורא און געבונדן מיט דער שבועה
האָט זי זיך איינגעהאַלטן און צוגעגעבן בלויז:
„איר מוזט נאָך אייערע קינדער זען אײדער וואָס פּאַסירט!
אַ, לאָזט מיך, אַרדען, זיי אַהערצו ברײנגען". און זיך
אויפגעשטעלט
גאַנץ נייגעריק דאָס אַלץ צו טאָן, נאָר הענאָך האָט אַ ווײלע זיך
פאַרטראַכט אין אירע רייד און דאַן געענטפערט:

„פאַרשאַפט מיר ניט אומזיסטע לייד, אַ, פריינט, אין מיינע
לעצטע רגעס,
נאָר לאָזט מיך האַלטן מיין באַשלוס ביז ווען מיין טויט
וועט קומען.
איך בעט אייך, זעצט זיך לעבן מיר און הערט מיך אויס מיט קאָפּ,
ווי לאַנג איך האָב נאָך כוח צו רעדן. איך בעט אייך שטאַרק,
ווען איר וועט ענגין זען, זאָגט איר, אַז איך האָב
איר פאַר מיין טויט געבענטשט, געבעטן גאָט פאַר איר,
און איר געליבט; ביזן לעצטן גרענעץ זי געליבט,
ווי דאַמאָלסט, ווען זי האָט איר קאָפּ צו מיינעם צוגעלייגט.
זאָג אויך מיין טאָכטער ענגין, וועלכע—ווי איך האָב באַמערקט—
איז געראָטן אין דער מוטער, דאָס מיין לעצטן אָטעם
האָב איך אָוועקגעשיינקט אין בענטשן איר און בעטן גאָט
פאַר איר.
און זאָג מיין ליבן זון, דאָס שטאַרבנדיק האָב איך מיין ברכה
אים געגעבן;
און זאָג אויך פיליפּן, איך האָב אויך אים געבענטשט;
ער האָט געמיינט נאָר גוטס מיט אונז צו טאָן.
און אויב די קינדער מיינע ווילן זען מיך, ווען איך בין טויט —
זיי האָבן מיך דאָך ביי מיין לעבן ווייניק-וואָס געקאַנט —
זיי מעגן קומען,
איך בין דאָך זייער פאָטער, נאָר ענגי טאָר ניט קומען!

מיין טויט געזיכט וועט שרעקן איר דאָס גאַנצע לעבן לאַנג.
און איצט איז בלויז געבליבן איינער פון מיין בלוט און פליייש,
וואָס וועט אומאַרמען מיך אויף יענער וועלט.
אַט דער לאָק האָר איז זיינער, די מוטער האָט אים אָפּגעשניטן
און מיר אים מיטגעגעבן; איך האָב אים אָפּגעהיט די אַלע יאָרן,
און אימער־צו געדיינקט צו נעמען אים אין קבר אויך מיט זיך.
איך ענדער איצט מיין מיינונג—כ׳וועל דאָך סיי ווי סיי מיין קינד
אין הימל איצטער זען; דעריבער, ווען איך בין שוין טויט,
נעם, גיב דאָס איר אַוועק; עס וועט איר אפשר טרייסט פאַרשאַפן,
עס וועט איר שטאַרקער איבערצייגן, אַז דאָס בין איך געווען".

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ער איז אַנטשוויגן דאָן געוואָרן. און מרים ליין האָט אים
מיט פייערלאַכע רייד דאָס אַלץ פאַרשפּראָכן,
און ער האָט נאָכאַמאָל אויף איר די אויגן אויסגעשטאַרצט
און ווידערהאָלט דאָס, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט,
און זי האָט נאָכאַמאָל אים צוגעזאָגט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — דערנאָך, די דריטע נאַכט נאָך דעם,
ווען הענאָך האָט געשלומערט בלייך און אומבאַוועגלאָך,
און מרים האָט אין צווישן־צייט געוואַכט, געדרעמלט,
האָט זיך פון ים דערהערט אַזאַ מין הויך געברום.

דאָס אַלע הייזער אין דעם האַפן האָבן אויפגעציטערט.
ער האָט דערוואַכט, איז אויפגעשפּרונגען, אויסגעשפּרייט
די הענט,
און אויפן קול הויך אַ געשריי געטאָן: „אַ שיף! אַ שיף!
איך בין געראַטעוועט!" ער איז געפאַלן צוריק און מער קיין וואָרט
שוין ניט גערעדט.

אַזוי האָט זיך געשיידט די שטאַרקע, העלדנמוטיקע נשמה.
און ווען מען האָט צו קבורה אים געפירט, האָט מען געזען
די זעלטנסטע לויה, וואָס עס איז ביים האַפן ווען געווען.



פון זעלבן איבערזעצער זיינען דערשינען:

אין יאָר 1925: לאָרד בייראָנס „דער געפאַנגענער פון שילאָן".

אין יאָר 1926: „די רובאַיאַט" פון אָמאַר כאַיאַם.

אין יאָר 1928: „אידישע מעלאָדיעס" פון לאָרד בייראָן.

עס ווערט צוגעגרייט צום דרוק:

„קין" פון לאָרד בייראָן.